# אם חכם בני

תלמידי הישיבות צעירי הצאן מחדשים וכותבים

## פרשת חיי שרה - שנה א׳ גליון ב׳

**במבחר** קברינו קבור את מתך, איש ממנו את קברו לא יכלה ממך מקבר מתך (כ״ג ו׳), פרעגט הב׳ ישכר דוב ב״ר יוסף ישראל גרינוואלד (ישיבה מחזיקי הדת בעלזא – לעיקוואוד) אויך ווען מען איז מכבד א מענטש איז מען נישט גרייט אוועק צו געבן פאר יענעם מענטש דעם אייגענעם הויז אדער קבר, פארוואס האבן די בני חת אזוי שטארק מכבד געווען אברהם עד כי כך אז יעדער איינער פון זיי איז געווען גרייט איבערצוגעבן זיין אייגענעם קבר? ותירץ הב׳ נתאנל אליהו בהרה״ג ר׳ יצחק פריעדמאן (ישיבה מחזיקי הדת בעלזא – לעיקוואוד) אז דאס איז טאקע געווען שלא על פי דרך הטבע דורך די הבטחה פון הקב״ה בפרשת לך לך ׳ואגדלה שמך׳:

**ויקם** שדה עפרון אשר במכפלה אשר לפני ממרא (כ״ג י״ז), פרעגט הב׳ ישכר דוב ב״ר יוסף ישראל גרינוואלד (ישיבה מחזיקי הדת בעלזא – לעיקוואוד), בשלמא בפרשת וירא איז דערמאנט אז הקב״ה האט באזיכט אברהם באלוני ממרא ווייל ממרא האט געגעבן פאר אברהם עצה על המילה אבער פארוואס ווערט ממרא דערמאנט דא ביי די קבורה פון שרה? ותירץ הב׳ שמחה ב״ר יצחק צבי בלומנפלד (ישיבה מחזיקי הדת בעלזא – לעיקוואוד), בפסוק גר ותושב אנכי עמכם (כ״ג ד׳) מפרש רש״י, אהיה תושב ואטלנה מן הדין, קומט אוים אז מיט דעם וואס ממרא האט געלאזט אברהם וואוינען פון זיין שטח איז אברהם געווארן א תושב און האט געהאט די רעכטן צו פאדערן מען זאל אים פארקויפן קרקע.

**ויקם** שדה עפרון ... השדה והמערה ... וכל העץ (כ״ג י״ז), פרעגט הב׳ יהושע אלכסנדר משה ב״ר ארי׳ צבי עקשטיין (ישיבה מחזיקי הדת בעלזא – לעיקוואוד), פארוואס רעכנט די פסוק אוים באזונדער אלס וואס איז דא אינם פעלד? ומתרץ הב׳ אלימלך יחיאל מיכל ב״ר מרדכי הלוי אויסטערליץ (ישיבה מחזיקי הדת בעלזא – לעיקוואוד) אז עפרון האט ליב געהאט געלט און אזוי ווי עס שטיין אין פסוק אוהב כסף לא ישבע כסף (דער וואס האט ליב געלט ווערט נישט זאט פון געלט – ער וויל אלעמאל נאך מער) (קהלת ה׳ ט׳) וואלט געקענט זיין אז עפרון זאל טענה׳ן אז ער האט פארקויפט נאר די פעלט אן אלס וואס געפינט זיך אין פעלד דעריבער רעכנט די פסוק אוים אלעם כדי עפרון זאל נישט קענען נאכדעם שווינדלען.

**שדה** המכפלה על פני ממרא (כ״ג י״ט) פרעגט הב׳ צבי יעקב מרדכי ב״ר אביגדור דוד פעדער (ישיבה מחזיקי הדת בעלזא – לעיקוואוד) פארוואס דערמאנט די תורה אז די פעלד פון מכפלה איז געווען נעבן די פעלד פון ממרא? ומתרץ הב׳ שמחה ב״ר יצחק צבי בלומנפלד (ישיבה מחזיקי הדת בעלזא – לעיקוואוד) כדי עפרון זאל נישט קענען נאכדעם טענה׳ן אז ער האט פארקויפט גאר א צווייטע פעלד אזוי ווי לבן האט אויפגעטוישט רחל מיט לאה:

**ויקם** השדה והמערה אשר בו לאברהם לאחזת קבר מאת בני חת (כ״ג כ׳), פרעגט הב׳ שלמה ב״ר משה בינעטה (ישיבה מחזיקי הדת בעלזא – לעיקוואוד), פארוואס שטייט מאת בני חת, נישט זיי

GilyonECB@gmail.com

האבן פארקויפט די פעלד, ומתרץ אז לויטן געזעץ האבן בני חת געהאט די רעכט זיך קעגן צושטעלן אז מען זאל אננעמען אברהם אלס א תושב און קיינער האט זיך נישט קעגן געשטעלט:

**ואברהם** **זקן בא בימים וה' ברך את אברהם בכל** (כ"ד א') פרעגט הב' אברהם ב"ר חיים **גוטוויין** (ישיבה מסורת אבות לעיקוואוד) וואס איז געווען די 'בכל' מיט וואס אברהם איז געבענטש געווארן, ומתרץ אברהם שאבינו האט געזעהן די גוטס אין יעדע זאך וואס הקב"ה האט געטון בבחינת 'כל' מה דעבד רחמנא לטב עבד. והב' **פנחס** ב"ר שמערל **וויים** (ישיבה מסורת אבות לעיקוואוד) מתרץ אז 'בכל' איז מרמז אויף די ברכות וואס יעקב האט באקומען פון יצחק, עשו האט געטענהט אז ער דארף באקומען א חלק פון די ברכות, האט יצחק אים געענטפערט אז מען קען נישט צוטיילן די ברכות וויבלאד זיי קומען פון אברהם און ביי אברהם שטייט 'בכל' אלע ברכות דארפן גיין צוזאמען:

**ויאמר** **אברהם אל עבדו זקן ביתו המשל בכל אשר לו** (כ"ד ב') פרעגט הב' **משה** ב"ר יעקב יוסף **רבינוביץ** (ישיבה מסורת אבות לעיקוואוד) אין די גאנצע פרשה פון אליעזר מיט די שידוך פון יצחק ווערט אליעזר אנגערופן עבד אדער איש און קיין איינמאל איז די נאמען אליעזר נישט דערמאנט, פארוואס? ומתרץ אז בשעת א שידוך דערמאנט מען נאר חשובע זאכן אזוי ווי זכות אבות און מעשים טובים און נישט פארמעגן מיט קנעכט. והב' **אליהו שמחה** ב"ר ישעי' יעקב **ריביאט** (ישיבה מסורת אבות לעיקוואוד) מתרץ אז אברהם אבינו האט זיך נישט געוואלט משדך זיין מיט אליעזר ווייל 'אין ארור מתדבק בברוך' און פאר דעם זעלבן סיבה דערמאנט מען בכלל נישט די נאמען פון אליעזר.

והב' **צבי יצחק** ב"ר מרדכי **ויסברוד** (ישיבה מסורת אבות לעיקוואוד) מתרץ אז אליעזר איז געגאנגען בשליחותו פון אברהם ושליחו של אדם כמותו (א שליח פון א מענטש איז אזוי ווי דער מענטש אליינס) און אליעזר האט אויסגעפירט די שליחות פונקט אזוי ווי אברהם האט געוואלט דעריבער איז דאס אזוי ווי אברהם אליינס וואלט אויסגעפירט דעם שידוך און נישט אליעזר:

**שים** **נא ידך תחת ירכי** (כ"ד ב') פרש"י שברית מילה היתה מצוה ראשונה לו. איז דאך שווער אז 'לך לך מארצך' איז געווען פאר מצוות מילה, ותירץ הב' **יהודה** ב"ר יחיאל מעכל **ריידלער** (ישיבה מסורת אבות לעיקוואוד) אז מילה איז געווען די ערשטע פון די תרי"ג מצוות מיט וואס אברהם איז באפוילן געווארן. והב' **אפרים יצחק** ב"ר שמחה בונם **קליין** (ישיבה מסורת אבות לעיקוואוד) מתרץ אז 'לך לך' איז געווען נאר וועגן 'כאן אי אתה זוכה לבנים', און אויך איז באקאנט אז יצחק האט נישט געקענט געבוירן ווערן פאר אברהם האט מקיים געווען מצוות מילה, קומט אויס אז לך לך איז געווען נאר א הקדמה און א הכנה צו מצוות מילה. והב' **ישראל אהרן** הכהן ב"ר נתן אפרים **שניידער** (ישיבה מסורת אבות לעיקוואוד) מתרץ אז מילה איז געווען די ערשטע מצוה מיט וואס אברהם איז באפוילן געווארן נישט נאר פאר זיך נאר אויך פאר זיינע קינדער. והב' **מרדכי** ב"ר נחום דוד **שטראה** (ישיבה מסורת אבות לעיקוואוד) מתרץ אז 'לך לך' איז געקומען מיט א באלוינונג בעולם הזה (ואברכך, ואגדלה שמך, והי' ברכה) משא"כ מצוות מילה איז נישט געקומען מיט א הבטחה פון שכר אויף דעם וועלט: